# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Brandeis Camp Institute / Brandeis Kemp Institut

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3055p32c

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

### Author
Ben-Ari / Ben-Ari, R. / R.

### Publication Date
1953

### Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

# „בראַנדעיס קעמפּ אינסטיטוט"

## פון ר. בן־אַרי

„בראַנדעיס יוטה פאונדיישאָן" ווערט היינטיקן יאָר בר־מצוה. וועט זיין
אינטערעסאַנט בקיצור איבערגעבן פאָלגנדע פאַקטן:
דער פאַרשטאָרבענער ריכטער פון העכסטן געריכט, לואיס ד. בראַנדעיס,
ע"ה"ש, אַ קאָמבינאַציע פון אַ שטאָלצן אמעריקאנער און שטאָלצן יידן, האָט אַרויס־
געלאָזט אַ לאָזונג: כדי צו זיין אַ בעסערער אמעריקאַנער, דאַרף מען אויך זיין אַ
בעסערער ייד.
בראַנדעיס האָט געזען די גרויסקייט פון אַמעריקע ניט אין דער פאַרשמעל־
צונג נאָר דוקא אין דער אַנטוויקלונג פון יעדער קולטור.
אַלס נאָכפאָלגער פון דער אידייע האָט דר. שלמה באַרדין געגרינדעט די
בראַנדעיס קעמפּס איבערן לאַנד, אין נויאָרק, אין נאָרט קאַראָליינע, און דער
גרעסטער און אינטענסיווסטער צווישן זיי דאָ אין סאַנטא סוזאַנא, קאַליפאָרניע.
יעדן זומער ווערט אין יעדן קעמפּ איבערן לאַנד אויסגעקליבן הונדערטער
יוגנטלעכע פון די קאַלעדזשעס, אוניווערסיטעטן וואָס ווערן רעקאָמענדירט פון
קולטור אינסטיטוציעס פאַר סקאַלערשיפּס, יעדע גרופּע פון 100 קריגט 4 וואָכן
צייט אין קעמפּ.
אין קעמפּ ווערן געגעבן אינסטרוקציע קורסן אין יידישער געשיכטע, יידיש
לעבן, מוזיק, דראַמע, טענץ, אַלע פּראָגראַמען ווערן געגעבן אין ענגליש. עס
ווערן אויך געגעבן קורסן אין העברעאיש, קיין תקופה פון יידישן לעבן ווערט
ניט דורכגעלאָזט.
מ'לייענט פּאָעמען פון ביאַליק, שניאור, עס ווערן אויפגעפירט דראַמען פון
לייוויק, פּינסקי, עס ווערן געגעבן אָוונטן פון תנ"ך, פרץ, רמב"ם, וואָס מייקל
בלענקפאָרד (אויטאָר פון „דזשאָנגל") האָט צוגעגרייט פאַר בראַנדעיס און „הלל".
דער פּראָצעס פון דערציאונג גייט פּאַראַלעל מיט די לעקציעס, דראַמע, געזאַנג,
א. א. וו.
טויזנטער היימען ווערן באַרייכערט דורך געזאַנג, אין יידיש און העברע־
איש, דער מייסטער פון געזאַנג איז מאקס העלפמאַן, אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג.
די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט זאַפּט עס איין און ברייַנגט עס צו זיך אַהיים און
אין זיין סביבה.
אָט אַזוי אַנטוויקלט זיך אַ יידיש קולטור געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע אין
קאַליפאָרניע, דער צווייטער גרעסטער יידישער יישוב אין אַמעריקע.
דאָס באַווייזט אַז די יידישע יוגנט אין אַמעריקע וויל קומען צום אייגענעם
קוואַל, זי קריגט אַ באַגייסטערטן צוגאַנג און פירט די יוגנט, דעם יידישן יונגן
מענטשן אָנצוגיין ווייטער צו אַן המשך פון אַ יידישן אמעריקאַנעם קולטור לעבן.

---

# משה מלמד ווערט אַ תושב אין לאָס אַנגעלעס

דער באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער משה מלמד און זיין חשוב'ע
פרוי, מרים, זיינען היינטיקן יאָר געוואָרן תושבים אין לאָס אַנגעלעס, וואו עס
וואוינען שוין אַ לאַנגע צייט זייערע קינדער: אַדוואָקאַט דניאל מלמד און אַ
טאָכטער שרה'לע, די פרוי פון דעם באַרימטן סימפאָנישן קאָנדוקטאָר אייזלער
סאָלאמאָן.
משה מלמד איז דער אויטאָר פון אַ נאָוועלע „אַ רגע גליק", און אַ בוך
דערציילונגען. ער איז יאָרנלאַנג געווען רעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער פון דער
„פילאַדעלפיער יידישע וועלט", האָט אויך געשריבן ראָמאַנען פאַרן „פאַר־
ווערטס" און „טאָג".
„חשבון" באַגריסט די מלמדס און ווינטשט זיי, אַז זיי זאָלן דאָ געפינען
געזונט און רו, זיי זאָלן קאָנען צוטראָגן צו דער פאַרשענערונג פון דעם היגן
געזעלשאַפטלעכן קולטור לעבן.